**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/26/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול, סענאט מאיאריטעט פירער שומער און MTA טשעיר און CEO ליעבער פייערן אנהויב פון פולשטענדיגע לאנג איילענד רעיל ראָוד סערוויס צו גרענד צענטראל מעדיסאן אנהויבנדיג מאנטאג, פעברואר 27**

***סענאט מאיאריטעט פירער שומער שליסט זיך אן מיט גאווערנער האקול און מיט MTA טשעיר און CEO ליעבער ביי צערעמאניע ביי גרענד צענטראל מעדיסאן***

***נייע LIRR סקעדזשולס אין קראפט פון מארגן פארמערט סערוויס אין מיטן די וואך מיט 41 פראצענט***

***גרעסטע LIRR סערוויס פארברייטערונג מיט באנען אנקומענדיג צו/ארויספארנדיג פון מאנהעטען טערמינאלן יעדע דריי מינוט אין די פארנומענסטע צייטן***

***'קאמבאָו' טיקעט דא צו קויפן מארגן צוזאמען מיט די אנפאנג פון די נייע סקעדזשולס***

***סקעדזשולס פארעפנטליכט דורך TrainTime עפּ און אויף [MTA וועבזייטל]()***

גאווערנער קעטי האקול, סענאט מאיאריטעט פירער טשארלס שומער און MTA טשעיר און CEO דזשענאָו ליעבער, צוזאמען מיט פעדעראלע און לאקאלע ערוויילטע בעאמטע האבן היינט געפייערט די אפיציעלע עפענונג פון גרענד צענטראל מעדיסאן מיט פולשטענדיגע לאנג איילענד רעיל ראָוד (LIRR) סערוויס אנגעהויבן פון מאנטאג, פעברואר 27. די נייע סקעדזשולס שטעלן פארמערטע סערוויס שטאפלען מיט א היסטארישע 41 פראצענט און אפפערט דירעקטע צוטריט צו מידטאַון איסט – די גרעסטע דזשאב צענטער אינעם לאנד – צושטעלנדיג אפטערע, מער פארלעסליכע סערוויס, אריינרעכענענדיג אין קווינס און ברוקלין און עכטע סערוויס אויף די וועג צוריק אין פארנומענע שעה'ן פון פארט דזשעפערסאן און ראַנקאנאָומע ברענטשעס צום ערשטן מאל.

"גרענד צענטראל מעדיסאן איז א פובליק טראנספארטאציע עררייכונג וואס וועט פארקורצערן די צייט ווי לאנג רייזעס נעמען, צוריקגיבנדיג צייט פאר די פאסאנזשירן אין זייערע פארנומענע לעבנס צו פארברענגען מיט זייערע פאמיליעס, פריינט און קאמיוניטיס", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "גרענד צענטראל מעדיסאן וועט דראמאטיש איסברייטערן סערוויס און אפערירן אויף א מער פארלעסליכן פארנעם פאר די פאסאנזשירן און רעדוצירן איבערגעפולטע צייטן אין פען סטאנציע. א דאנק אונזער אנגייענדע שותפות מיט סענאטאר שומער און מיט די ניו יארקע קאנגרעס דעלעגאציע, וועלן מיר פארזעצן צו בויען זיכערע און ווירקזאמע פובליק טראנספארטאציע וואס פאסט זיך פאר ניו יארקער."

די נייע סקעדזשולס לייגן צו 271 LIRR באנען יעדן טאג און פארמערן סערוויס אריבער די גאנצע LIRR סיסטעם צו 936 באנען פער טאג, ארויס פון וועלכע 296 וועלן פארן צו אדער פון גרענד צענטראל

מעדיסאן. דער גרענד צענטראל מעדיסאן פראיעקט וואס איז טיילווייז פינאנצירט געווארן דורך די USDOT פאלגט נאך צוויי אנדערע באדייטנדע LIRR אינפראסטרוקטור פראיעקטן: דער טאפלטע רעלסן פראיעקט (Double Track Project), וואס האט אינסטאלירט צווייטע רעלסן פאר 13 מייל צווישן פארמינגדעיל און ראנקאנקאָומע; און דער דריטע רעלסן פראיעקט (Third Track Project), וואס האט אינסטאלירט א 9.8-מייל-לאנגע דריטע רעלסן צווישן פלאָרעל פארק און היקסוויל. די אינוועסטירונגען וואס קומען אמאל אין א יובל האבן פארגרינגערט געוויסע קאפאציטעט באגרעניצונגען, ערמעגליכנדיג די באנען צו האבן מער סערוויס און צו ברייטערהייט איבערארבעטן די סקעדזשולס צום ערשטן מאל אין צענדליגע יארן.

**סענאט מאיאריטעט פירער טשארלס שומער האט געזאגט,** "מיר זענען זיך צוזאמגעקומען דא היינט וויל די איסט סייד צוטריט באן גייט בוכשטאבליך בקרוב פארלאזן די סטאנציע — *מורא'דיג*. צענדליגע טויזנטע טראנספארטאציע פאסאנזשירן קענען יעצט אריינאטעמען אן ערלייכטערנדע אטעם. טויזנטער און טויזנטער מענטשן וועלכע ארבעטן אין די איסט סיי וועלן סוף כל סוף האבן די באקוועמליכקייט וואס זיי באגערן שוין אזוי לאנג. קוקטס אהער: איך בין דא געווען פאר אזא לאנגע חלק פון די איסט סייד צוטריט רייזע — פאר די גאנצע 2.7 ביליאן דאלאר דערפון. דאס איז די סומע וואס איך האב מצליח געווען צו גורם זיין פאר די פעדעראלע רעגירונג אריינצוגיסן דא. מיר ווייסן אלע ווי שווער עס איז צו פארזיכערן טראנספארטאציע פינאנצירונג — פאר די לאנד און פאר NY. צוזאמען מיט די אנדערע טראנספארטאציע פראיעקטן ווי Gateway (טויער) — הויבט די NY טראנספארטאציע דיאמאנט אן צו שיינען ווי די שפיץ פון די Chrysler געביידע, און עס איז שוין זיכער געקומען די צייט דערפאר. איך באדאנק גאווערנער האקול, די MTA און יעדער איינער וואס האט ארויסגעהאלפן מאכן היסטאריע פאר טראנספארטאציע היינט."

**MTA טשעיר און CEO, דזשענאָו ליעבער, האט געזאגט,** "שנעלערע סערוויס און מער באנען וועלן העלפן ברענגען די הארץ פון ניו יארק סיטי נאענטער צו לאנג איילענד און קווינס איינוואוינער, און די העכערונג אין רייזעס אין די פארקערטע ריכטונג וועט זיין ווי אן איינשפריץ אין די ארעם פאר לאנג איילענד ארבעטסגעבער וועלכע זוכן צו צוקומען צו א גרעסערע צאל פון פאטענציאלע טאלאנטפולע ארבייטער. עס איז א געווינס פאר יעדן."

**צייטווייליגע פרעזידענט פון די לאנג איילענד רעיל ראָוד און פרעזידענט פון מעטראָו-נארט רעילראָוד, קעטערין רינאַלדי, האט געזאגט,** "LIRR איז באגייסטערט צו אפפערן אפטערע סערוויס און מער בויגזאמקייט פאר אונזערע פאסאנזשירן. גרענד צענטראל מעדיסאן שטעלט אויך צו א פארבינדונג צווישן LIRR און מעטראָו-נארט צום ערשטן מאל, אנהויבנדיג א נייע עפאכע פון ראיאנישע באן רייזע פאר פאסאנזשירן פוןביידע באן סיסטעמען."

מיט די איינפירונג פון די נייע סקעדזשולס וועלן זיין מער פון 500 צוגעקומענע סטאנציע סטאפס אין ברוקלין און קווינס, און דורכאויס די פארנומענע צייטן, א LIRR באן אריין צו פען סטאנציע אדער גרענד צענטראל יעדע 3 ביז 6 מינוט און סערוויס צו אטלאנטיק טערמינאל אומגעפער יעדע 12 מינוט. גרענד צענטראל מעדיסאן איז די ערשטע גרויסארטיגע נייע באן טערמינאל צו געעפנט ווערן אין די פאראייניגטע שטאטן אין 67 יאר, און עס איז די ערשטע אויסברייטערונג פון די LIRR אין 112 יאר זינט סערוויס האט זיך אנגעהויבן צו פען סטאנציע אין 1910.

די נייע סקעדזשולס שטעלן צו סערוויס דורכאויס די פארנומענע שעה'ן די גאנצע וועג פון פריפארט, העמפסטעד און וועסט העמפסטעד צו ברוקלין. די MTA מוטיגט אלע פאסאנזשירן צו דורכקוקן די נייע סקעדזשולס בעפארן ארויספארן אויף די TrainTime עפּ וואס האט א הויכע רעיטינג אדער אויף mta.info וואו באניצער קענען טרעפן pdf'ס פון די סקעדזשולס.

**די 'קאמבאָו' טיקעט**
די אנהויב פון סערוויס ערמעגליכט יעצט די מעגליכקייט צו טראנספערירן דירעקט צווישן די LIRR און מעטראָו-נארט באנען. כדי צו צושטעלן א גלאטע פארבינדונג צווישן די סיסטעמען, האט די MTA אריינגעברענגט די "קאַמבאָו טיקעט" — איין טיקעט וואס ערמעגליכט די רייזנדע צו פארן צווישן לאנג איילענד, די סאַב-ארבען שטעט צפון מון מאנהעטען און קאנעטיקוט אלעס מיט איין טיקעט.

די קאַמבאָו טיקעט ערמעגליכט פאסאנזשירן צו קויפן א LIRR טיקעט אין האנטינגטאן פאר א רייזע צו ווייט פלעינס אדער א מעטראָו-נארט טיקעט אין פּוּקיפּסי פאר א רייזע צו מאנטאוק. פאסאנזשירן וועהלן אויס די סטאנציע פון וואו ארויסצופארן מיט די גרענד צענטראל אלץ די דעסטינאציע און זיי באצאלן די געוועגטליכע פרייז אין צוגאב צו א באשטימטע צוצאלונג פון אכט דאלאר פארן פארזעצן די רייזע צו סיי וועלכע ווייטערע דעסטינאציע אויף די אנדערע באן. פאר מער איבער די 'קאמבאָו' טיקעט, באזוכט .https://new.mta.info/fares/combo-ticket

**מער איבער לעצטיגע לאנג איילענד רעיל ראָוד פארבעסערונגען**
גרענד צענטראל מעדיסאן, די טאפלטע רעלסן און די דריטע רעלסן פאר די הויפט ליניע זענען טייל פון א פרעצעדענטלאזע אינוועסטירונג פון 17.7 ביליאן דאלאר צו טראנספארמירן און מאדערניזירן די לאנג איילענד רעיל ראָוד מיט 100 פראיעקטן לענגאויס די סיסטעם, אריינרעכענענדיג קאנסטרוקציע פון א מער רחבות'דיגע LIRR פאסאנזשירן זאל ביי פען סטאנציע מיט א נייע ארייננגאנג פון 33rd Street און Seventh Avenue, דאס באנייען און מאדערניזירן 36 סטאנציעס און 17 בריקן, עלימינירן אכט פלעצער וואו די באנען פארן אריבער גאסן, אקטיוויזירן די פאזיטיווע באן קאנטראל זיכערהייט סיסטעם, פארבעסערונגען צו 15 עלעקטראנישע סובסטאנציעס, מער פארקינג פלעצער און באן יאַרד פארברייטערונגען.

אין צוגאב, נאכפאלגנדיג די עפענונג פון די מאָיניהען טרעין האָל אין 2021, טראנספארמירן די MTA צוזאמען מיט עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט, NJ Transit און Amtrak פען סטאנציע צו ווערן אן ערשט-קלאסיגע איין-שטאקיגע טערמינאל מיט אסאך נאטורליכע באלייכטונג פון די זון, הויכע דעכער און מער שילדן צו פארגרינגערן צו טרעפן די וועג.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן